# עונג שבת

## פרשת כי תצא תשס"ד

**גוט שבת אלע אידן.** עס שטייט אין די הייליגע תורה די וואך "כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחנך להצילך ולתת איביך לפניך והיה מחניך קדוש ולא יראה בך ערות דבר וגו'." מיט דעם פסוק זאגט אונז השי"ת אז די הצלחה פון דעם אידישען פאלק איז תלוי אין די מידה פון צניעות.

וואס מיינט צניעות? זאגט דער של"ה הקדוש "שיתבייש בפני עצמו." מען דארף זיך שעמען פאר זיך אליין. (שער האותיות - אות צ' צניעות ד) אויב איינער שעמט זיך פאר זיך אליין, וועט ער זיך זיכער שעמען פון אנדערע.

ווי גרויס איז צניעות? זאגט דער מדרש: אמר להם משה לישראל הוו יודעין שאין הקב"ה מייחד שמו בישראל שהוא נקרא אלקיך אלא בזמן 'והיה מחניך קדוש' ואותה שעה הוא משרה שכינתו ביניכם והוא מציל אתכם מיד אויביכם ומוסר שונאיכם." (מדרש רבה במדבר פרשה ט סימן ז) ד"ה, דער אייבערשטער רוט זיין הייליגען נאמען אויף די אידן און ער ראטעוועט אידן פון אלע שלעכטס נאר ווען אידן היטן צניעות. לאמיר יעצט פארציילן א מוראדיגע מעשה וואס ווייזט אויף דעם כח פון צניעות.

אין חשון תרצ"ט, איז די שנאה קעגן אידן אין דייטשלאנד געווארן גאר שטארק. די צווייטע וועלט מלחמה וועט נישט אפיציעל אנהייבן ביז כמעט א יאר שפעטער ווען די דייטשען ימ"ש זענען ארייגעגאנגען אין פולין. אבער, אין אנהייב תרצ"ט האט די מלחמה קעגן אידן אין דייטשלאנד שוין לאנג צוריק אנגעהויבן. צוביסלעך האבן די רשעים אנגעפאנגען אוועקצושיקען אידן צו די לאגערן. צוביסלעך האבן זיי אויך אוועקגענומען אלע פרייהייטן פון די אידן אין דייטשלאנד. פארשטייט זיך אז די מצב איז געווארן שווערער און שווערער מיט יעדען טאג.

ר' דוד צבי כהן מיט זיין רביצן און פיר קינדער האבן געוואוינט אויף ליניען שטראסע (גאס) אין דער אידישען געגענט פון בערלין. אזוי ווי עס איז געווען די שטייגער דורך אלע יארן אין גלות, איז דער אידישן קווארטאל געווען פיל מיט שולן און אידישען געשעפטן און הייזער.

די כהנס וואס האבן געוואוינט אויפן צווייטען שטאק פון א בנין, האבן געהאט א פריינטליכע שייכות מיט זייערע שכנים א דייטשע משפחה מיטן נאמען "ריינמאן." איין דאנערשטאג אינדערפרי, י"ז חשון, איז פרוי ריינמאן געקומען צו מרס. כהן און געזאגט, "איך הער אז ס'גייט זיין א גרויסע פאגראם קעגן די אידן אין דייטשלאנד, און עס קען פארקומען אפילו היינט. עס וועט זיין אסאך מער זיכער פאר אייך צו פארלאזן די געגענט אויף א שטיק צייט..."

די כהנס האבן אויך געהערט שמועות וועגן א פאגראם, אבער זיי האבן נישט געוואוסט אויב עס איז געווען אמת אדער נישט. פרוי ריינמאן האט זיי פארזיכערט אז עס איז טאקע אמת, און עס וועט זיין א פאגראם. קיינער פון זיי האט נישט געוואוסט אז דער רשעותדיגער הויפט פונעם געסטאפו (די דייטשע פאליציי) האט פריער אינעם טאג אויסגערופן צו אלע פאליציי און פייערלעשערס אז מען זאל נישט שטערן דעם חרוב מאכן פון אידישען פארמעגן, וואס וועט פארקומען דעם זעלבן טאג.

צום סוף האבן די כהנס געגלייבט פרוי ריינמאן און זיי האבן גלייך גענומען נעמען זייער קינדער אוועקצולויפן צו מרס. כהנס עלטערן וואס האבן געוואוינט אויף עלסאסער שטראסע, אין אן אנדערען געגענט אין בערלין וואס איז נישט געווען אזא אידישען געגענט. דארט אין יענע געגענט וועט דער פאגראם לכאורה נישט דערגרייכן.

די כהנס האבן געהאט א 12 יעריגע טאכטער "אסתר", וואס האט געוואלט בלייבן נאך א שטיק צייט אינדערהיים כדי צו ענדיגען איר סקול ארבעט, און נאכדעם וועט זי קומען צו איר באבא און זיידענס הויז וואו די גאנצע משפחה וועט זיין. זי האט געקענט דעם וועג צו איר זיידענס הויז. אפילו איר מאמע האט נישט געוואלט איר פארלאזן אליינס אינדערהיים אין אזא שעת סכנה, האט די מיידל זיך געעקשנט. צום סוף האט איר מאמע איר געלאזט בלייבן אינדערהיים אביסל, פאר זי וועט קומען צום זיידנס הויז אינעם אנדערן געגענט פונעם שטאט. באלד דערנאך זענען די כהנס ארויסגעגאנגען פונעם שטוב מיט דריי פון זייערע קינדער, לאזענדיק זייער טאכטער אליינס אינדערהיים.

אינטער א שעה, האט די טאכטער געהערט שרייען משונהדיגע קולות פון א גרויסע גרופע דייטשע וואס האט זיך געווילדעוועט אין דרויסן אויף די גאס. זי האט ארויסגעקוקט פונעם פענסטער צו זען וואס האט אויסגעקוקט ווי א טויזענטע ווילדע חיות מארשירן דורך די גאס צעברעכן פענסטערס און צינדען אן אידישען געשעפטן און שרייען קעגען די אידן.

זי האט אלעס אנגעקוקט פונעם צווייטען שטאק מיט גרויס פחד. פרוי ריינמאן איז געווען גערעכט, עס איז געווען א שרעקליכע פאגראם. די טאכטער האט געוואוסט אז זי האט נישט געקענט בלייבן אין דעם בנין. איר זיידעס געשעפט איז געווען אויפן ערשטען שטאק פון יענעם בנין, און לכאורה וועט די דייטשע באלד אנקומען דארט.

וואס האט זי געקענט טון? זי האט נישט געהאט אסאך צייט. זי האט געזאגט תהלים אויסנווייניק און געבעטן אז דער אייבערשטער זאל איר געבן אן עצה ווי אזוי צו קענען אוועקלויפן פון דארט.

וויבאלד אז זי האט נישט אויסגעקוקט שטארק "אידיש," האט זי געטראכט אז אפשר וועט זי קענען סתם ארויסגייין אויף די גאס און קיינער וועט איר נישט חושד זיין אלס א איד. אבער, זי האט געטראכט אז אפשר דאך וועלן זיי איר דערקענען אלס אידיש קינד. דאן האט זי מסדר געווען איר אויסזען כדי עס זאל זיין מער ווי די דייטשע טעכטער ימ"ש. זי האט עס נישט געוואלט טון ווייל אידן מוזן נישט נאכמאכן די גוים. אבער, עס איז געווען א מצב פון פקוח נפש! זי האט געפלאנט צו גיין אויף די גאס שטאלץ און רוהיגערהייט, האפענדיג אז קיינער וועט איר נישט חושד זיין אלס א איד, ווייל וועלכע איד וועט זיך געפינען ווערן אויף די גאס אין אזא מצב! זאגענדיק תהלים איז זי ארויסגעגאנגען פון דער דירה. זי האט געקושט די מזוזה און געבעטן "רבונו של עולם, ראטעווע מיך ביטע!"

בשעת זי אי אראפגעגאנגען אויפן די טרעפלעך פונעם צווייטען שטאק צו דער גאס, האט זי פלוצלינג דערמאנט וועגן איר מאמעס ווערטער "אפילו פאר די פיר ווענט, דארף מען זיך שעמען." זי האט זיך געציטערט ווען זי האט געטראכט וועגן איר מאמעס ווערטער. אפילו עס איז געווען פקוח נפש, האט זי באשלאסן נישט עובר צו זיין אויף איר מאמעס ווערטער און אויף די תורה דורך ארויסגייין אזוי. וועגן דעם האט זי נאכאמאל מסדר געווען איר אויסזען, אויף א מער אידישע אופן, אזוי ווי א אידישע טאכטער דארף צו זיין. נאר דעמאלט איז זי ארויסגעגאנגען אויף די גאס.

דאס געשריי פון די רשעים איז געווען שרעקליך! זיי זענען ארומגעגאנגען חרוב מאכן אלעס אידיש וואס זיי האבן געטראפן.

זי איז געגאנגען רוהיגערהייט אין מיטן די גאס, זיך צו דערוויטערן פון די צובראכענע גלאז און צו ווייזן אז זי האט נישט מורא פון קיינעם. ב"ה אז קיינער האט איר נישט געשטערט. נאך בערך 10 מינוט איז זי שוין אוועקגעגאנגען פונעם המון פון ווילדע דייטשע. דאן איז זי געלאפן דעם גאנצן וועג צו איר זיידענס הויז, וואו אירע עלטערן האבן געווארט אויף איר, זיצן אויף שפילקעס. ווען זי האט געענדיגט דערציילן די מעשה מיט איר אויגן פיל מיט טרערן פון גרויס התרגשות, האט איר מאמע געזאגט אז דורך ארויסגייין צניעותדיג, האט זי זיך געראטעוועט איר לעבן. ווייל, אסתר האט פארגעסן אז זי האט געטראגן א גאלדענע קייטל מיט א 'מגן דוד' אויף עס. טאמער זי וואלט ארויסגעגאנגען אזוי ווי די דייטשע טעכטער ימ"ש, וואלט די רשעים גלייך דערקענט אז זי איז א איד, דורך זען דעם 'מגן דוד'.

די נאכט איז אנגערופן געווארן "קריסטאלנאכט" צוליב דעם צובראכענען גלאז פון אלע אידישען פארמעגן וואס זיי האבן חרוב געמאכט. ליידער האבן רוב פון דער כהן משפחה נישט איבערגעלעבט די מלחמה. זייער טאכטער איז אבער ברוך ה' יא געראטעוועט געווארן דורך דעם באקאנטען קינדערטראנספארט. זי האט געוואוינט אין ענגלאנד עטליכע יארן, ביז זי איז געקומען וואוינען אין אמעריקע. זי האט חתונה געהאט מיט ר' קלמן יעקב ביללער הי"ו. זיי האבן געוואוינט עטליכע יארן אין שטעטל פאר זיי זענען געגאנגען וואוינען אין מאנסי וואו זיי וואוינען היינט. זיי האבן גענומען די שטערקסטע נקמה קעגן די שונאי ישראל ימ"ש, דורך אויפשטעלן א שיינע אידישע משפחה מיט בלעה"ר הונדערטע ערליכע חסידישע אייניקלעך און איראייניקלעך, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן געזונטערהייט.

לאמיר געדענקען די ווערטער פונעם של"ה "מען דארף זיך שעמען פאר זיך אליין." לאמיר אויך געדענקען דעם מעשה און די ווערטער פונעם מדרש, "שאין הקב"ה מייחד שמו בישראל שהוא נקרא אלקיך אלא בזמן 'והיה מחניך קדוש.'" **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר חיים יעקב צבי גראס הי"ו לרגל שמחת אירוסי בנו בנש"ק מרדכי אברהם נ"י בשעטומ"צ • מזל טוב למוה"ר שלום גרין הי"ו לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ"צ
מזל טוב למוה"ר אהרן ברוין הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו יודל בשעטומ"צ
נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא • לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)